בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן
געהאט די זכיה צו הערן פונעם
ראש ישיבה שליט"א בעת סעודה
שלישית פרשת בא ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

**שבת קודש פרשת בא, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט הערליכע דברי התחזקות איבער דעם ענין פון האבן א צדיק און גיין צו אים, און פון זיך דרייען מיט ערליכע גוטע חברים.**

איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן האט ער געזאגט: דער הייליגער טור זאגט (אורח חיים סימן רצב), דערפאר זאגן מיר שבת קודש ביי מנחה דעם פסוק: "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ", ווייל דער מדרש זאגט: "אמר דוד לפני הקדוש ברוך הוא, רבונו של עולם רשעים כששותין ומשתכרין יושבין ומנגנין ואני איני כן אלא ואני תפלתי לך ה' עת רצון, אף על פי שאני אוכל ושותה אני בא לפניך" גוים ווען זיי רוען זיך אפ גייען זיי נישט אין ערגעץ, זיי גייען נישט אין קלויסטער וכו', אבער אידישע קינדער אפילו זיי רוען זיך אפ, זיי עסן און טרינקן דאך קומען זיי ווייטער צו דיר אין בית המדרש דאווענען און לערנען.

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וגו', דער אייבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו: "קום צו פרעה ווייל איך האב שווער געמאכט זיין הארץ" (שמות י, א).

אלע פרעגן די קשיא פארוואס שטייט 'בֹּא אֶל פַּרְעֹה' - קום צו פרעה, עס וואלט ווען געדארפט שטיין 'לֵךְ אֶל פַּרְעֹה' - גיי צו פרעה. נאך איז שווער וואס איז דער טעם פון 'כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ' - ווייל איך האב שווער געמאכט זיין הארץ, פונקט פארקערט אויב האט דער אייבערשטער שווער געמאכט זיין הארץ פארוואס זאל משה רבינו גיין צו אים אומזיסט, ער וועט דאך אים סיי ווי נישט אויסהערן.

ענטפערט דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו (ספר הקדוש נועם אלימלך, אנהייב פרשה): עס זענען דא צוויי סארט מענטשן וואס קומען צום צדיק, פאר איינעם איז גענוג צו גיין צום צדיק איין מאל דאס פלאקערט שוין אויף זיין הארץ צו דינען דעם אייבערשטן אויף א לאנגע צייט, ווידער פאר'ן רשע איז דאס איינמאל גיין צום צדיק נישט גענוג, ער דארף יעדן

טאג גיין צום צדיק נאכאמאל הערן זיינע הייליגע דיבורים ביז דאס וועט אים צוביסלעך אויפפלאמען זיין הארץ ער זאל אויך אנהייבן דינען דעם אייבערשטן, דערפאר זאגט נישט דער פסוק ׳לֵךְ אֶל פַּרְעֹה׳ - גיי צו פרעה, ווייל דאס מיינט אז משה רבינו זאל איינמאל גיין צו פרעה און מער נישט, אבער פאר פרעה דער גרויסע רשע איז דאס נישט גענוג, ער קען דאך נישט נתעורר ווערן פון הערן איינמאל דעם צדיק, ער דארף אים הערן יעדן טאג, דערפאר זאגט דער פסוק: ׳בֹּא אֶל פַּרְעֹה׳ - קום צו פרעה, וואס דאס מיינט אז משה רבינו זאל שטענדיג קומען צו פרעה, טאג נאך טאג, ׳כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ׳ - ווייל איך האב שווער געמאכט זיין הארץ, פרעה האט א שווערע הארץ ביי אים וועט גארנישט אויפטון דאס גיין איינמאל צו אים, נאר אז דו וועסט יעדן טאג גיין צו אים, רעדן צו אים פונעם אייבערשטן, דאן וועט צוביסלעך אריינגיין דיינע הייליגע דיבורים אין זיין הארץ ביז ער וועט שוין לאזן די אידן ארויסגיין פון מצרים.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: מיר זענען טאקע נישט פרעה אבער מיר האבן א שווערע יצר הרע אזוי ווי פרעה, פאר אונז איז נישט גענוג אז מען גייט איינמאל צום צדיק הערן זיינע דיבורים, מיר דארפן קומען יעדן טאג צום צדיק ער זאל אונז האלטן אין איין מחזק זיין צו דינען דעם אייבערשטן, מיר זאלן דאווענען יעדן טאג שחרית, מנחה און מעריב, מיר זאלן לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה.

און דער ראש ישיבה שליט״א האט זיך אנגערופן צו די בחורים: יעצט זענט עטץ נאך בחורים, אבער אין א קורצע צייט ארום גייט עטץ אלע חתונה האבן, דארפט עטץ דאס שטענדיג געדענקן, מען דארף ׳האבן׳ א צדיק און מען דארף ׳גיין׳ צו א צדיק; עס איז נישט גענוג צו גיין איינמאל צום צדיק, נאר מען דארף האלטן אין איין גיין צו אים הערן זיינע דיבורים, ער זאל דיר נאכאמאל מחזק זיין צו קומען צום אייבערשטן. נאך די חתונה זענען דא אינגעלייט וואס הייבן אן טראכטן ׳וואס דארף איך גיין צו נאך א שיעור און

נאך א שיעור, איך האב דאך שוין געהערט אזויפיל שיעורים?' - דאס איז אבער נישט ריכטיג, פאר אונז איז דאס נישט גענוג, מיר דארפן הערן יעדן טאג פרישע התחזקות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: אפילו ווען מען איז שוין זוכה צו קומען צום צדיק דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל נישט אריינפאלן מיט שלעכטע חברים, מיט לצים, ווייל אז מען דריידט זיך מיט לצים איז זייער ביטער רחמנא לצלן, און דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: איינער פון די תלמידים פון מוהרא"ש זכרונו לברכה איז געווען א חשוב'ער אינגערמאן, מוהרא"ש פלעגט זיך שטארק בארומען מיט אים, מוהרא"ש פלעגט זאגן גרויסע זאכן אויף אים, ער פלעגט זיך אבער דרייען מיט נישט גוטע חברים, מיט לצים השם ישמרינו, מוהרא"ש האט אים כסדר געבעטן ער זאל זיך נישט חבר'ן מיט זיי, יענער איז אבער געווען אן אויבער חכם, ער האט פארשטאנען אז אים וועט עס נישט שאטן און האט זיך ווייטער געדריידט מיט זיי, ביז דאס ליצנות איז טיף אריין אין אים און אים צוגעברענגט צו אזא מצב אז ער האט געהאלטן ביים הרג'ענען מוהרא"ש... ווי אזוי איז מען דאס געוואויר געווארן? ער האט געהאט ארויסגענומען א שטוב אין א האטעל אין יבניאל, און עס איז אריבערגעגאנגען עטליכע וואכן וואס מען האט אים נישט געזען קומען אין האטעל, האט מען זיך אינטערעסירט וואו ער איז ביז מען איז געוואויר געווארן אז ער האט זיך אריבערגעכאפט צום רבי'נס ציון קיין אומאן, אויפן וועג זיצנדיג אין די קאר האט זיך די קאר איבערגעדריידט און איז געשטארבן, זיי האבן געטראפן ביכער אין זיין שטוב האט מען עס אריבערגעטראגן צו אנשי שלומינו פון יבניאל און מען האט דארט געזען אפגעשריבן א גאנצע פלאן ווי אזוי צו הרג'ענען מוהרא"ש... זעט מען וואס קען פאסירן דורך שלעכטע חברים, דורך לצים, זיי שוואכן אפ דעם מענטש פונעם צדיק ביז מען פאלט אינגאנצן אוועק, און מען איז גרייט צו טון רציחה רחמנא לצלן.

די אנדערע וואך, אין פרשת בשלח, שטייט אין פסוק (שמות יג, יח): "וַחֲמֻשִׁים עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", זאגט די הייליגע רש"י: "אחד מחמשה יצאו

וארבעה חלקים מתו בשלשת ימי אפילה", איינס פון פינף מענטשן זענען ארויס פון מצרים די איבריגע פיר חלקים זענען געשטארבן אין מצרים ביי מכת חושך, פארוואס? ווייל אין מצרים זענען געווען גרויסע רשעים לצים, דתן און אבירם, זיי האבן געמאכט ליצנות פון משה רבינו, זיי האבן געזאגט מיר דארפן נישט משה רבינו, פארוואס דארף מען גיין צו א צדיק, מיר קענען זיך אליינס אן עצה געבן; דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "מיינט נישט אז דתן ואבירם זענען געגאנגען אן א בארד און פיאות וכו', זיי האבן אויסגעזען ווי צדיקים, זיי זענען געגאנגען מיט ווייסע בעקיטשעס וכו'".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט: אז דער אייבערשטער האט געהאלפן מיר זענען מקורב צו אזא הייליגע פלאץ, ביים צדיק, ביים הייליגן רבי'ן, דארפן מיר געדענקן און נישט פארגעסן זיינע הייליגע עצות, כסדר חזר'ן זיינע עצות און זיך כסדר אויפפרישן מיט דעם; עס איז נישט גענוג צו הערן איינמאל וועגן לערנען משניות, וועגן לערנען און דאווענען, נאר מען דארף האלטן אין איין קומען צום רבי'ן, הערן זיינע דיבורים, וועלן מיר זוכה זיין אז אונזער הארץ וועט זיך אויפוועקן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שטענדיג קומען צום רבי'ן, הערן זיינע עצות וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

בעזהשי"ת

# אשר בנחל אידיש
## חלק ב'

הערליך איבערגעדרוקט




718-387-2691 ext. 2
office@kerenhadfusa.org

**בלויז $13**

**Free Delivery!**

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע קונטרסים

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט דא צו באקומען אפגעשיקט

**יעדע וואך צו אייער טיר אויף די פאסט**

הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן, געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
**הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך




צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691** קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן געווארן פון די געשמאקע בריוו, פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

goodpointmediainc@gmail.com